Print Date: 29 September 2024. Source: Page 3, Der Ṭog - (ניו יורק) דער טאג, 16 October 1954 *** "Historical Jewish Press", The National Library of Israel and Tel Aviv University

# וואָס אַ בילד דערציילט

(שלוס פון דער 4טער זייט)

אָפּגעשניטען, אָפּגעהאַקט אַזוי ווי מיט אַ האַק.

און אָט קומט דער קלימאַקס, צוליב וועלכען איך דערצייל היינט די דאָזיגע מעשה אין שייכות מיט חנ'ס בילדל, וואָס האָט אַ בלענד געטאָן פאַר מיינע אויגען ביים איבערקוקען מיינע ארכיוו־זאַכען, איידער ב'האָב זיי אוועקגעגעבען צום ייוו"א.

אין 1950, מיט פיר יאָר צוריק, בין איך געווען אויף באַזוך אין מדינת ישראל. זיץ איך אַזוי איינמאָל אין רעסטאָראַן פונ'ם האָטעל, וואו איך בין איינגעשטאַנען, און שמועס מיט פריינט. וואָס זענען געקומען מיך זען. קומט צו צו מיר אַ מאַן, אַן אומבאַקאַנטער, שטעלט זיך פאָר מיר פאָר און זאָגט אַז ער האָט מיר צו דערציילען עפּעס זעהר וויכטיגעס, עפּעס וואָס ער וויל נאָר מיר אַליין פאַרטרויען, ווייל ס'האָט אַ שייכות נאָר מיט מיר אַליין.

מיינע געסט גייען אַוועק, און דער מאַן זאָגט צו מיר:

— איר קענט מיך ניט, אָבער איך קען אייך יאָ. איך בין פון מינסק. איך בין געווען דאָרט אין די פערציגער יאָרען. איך קאָן אייך אָפּגעבען אַ גרוס פון אייער פריינדינע חן.

— איר ווייסט וואו זי איז? — האָב איך אָנגעשטעלט מויל און אויערן.

— וואו זי איז איצט, ווייס איך ניט. וואַרשיינליך אומגעקומען מיט אַלע אידען אין די היטלער־שחיטות. מיין גרוס אָבער וועגען איר קאָן איך אייך אָפּגעבען פון די גרויזאַמע סאָוועטישע טעראָר־יאָרן, נאָך פאַר היטלער'ן. זי איז געווען אַ קרבן צוליב אייך.

— צוליב מיר? — איז מיר אַדורך אַ קעלט.

— יאָ, צוליב אייך. פאַרשטייט זיך, אַז איר זענט ניט שולדיג. אויך זי איז ניט געווען שולדיג. אָבער איר זענט געווען די סיבה. איר געדענקט אין 1925, ווען איר זענט געווען אין מינסק, האָט זי אין איר הויז געמאַכט אַ „וועטשערינקע" לכבוד אייך. דערפאַר האָט מען זי אין יאָרען אַרום, איין מאָל אין אַ נאַכט, אַוועקגענומען פון שטוב, פון מאַן און קינדער און זי פאַרשיקט.

כ'האָב קוים געקאָנט צונויפנעמען מיין געדאַנק. כ'בין געווען דערשיטערט.

— אָבער אויף יענעם אָוונט זענען דאָך געווען אַלע דעמאָלטדיגע אָפיציעלע מינסקער סאָוועטישע טוער און שרייבער, איזי כאַריק, אַקסעלראָד, בראָנשטיין און — — —

— נו, איז וואו זענען זיי היינט אַלע? — האָט געזאָגט מיין אינפאָרמירער, און איך האָב דערפילט די נאַרישקייט פון מיין אַרגומענט.

— יאָ, ריכטיג, — האָב איך קוים אַרויסגערעדט, — וואו זענען זיי טאַקע אַלע היינט? — אָבער חן, — האָב איך זיך ניט געקאָנט באַרואיגען און ניט געקאָנט שלום מאַכען מיט דער געשיכטע, — אָבער חן, אויף וויפיל איך ווייס, איז דאָך די גאַנצע צייט געווען מחוץ פון דער פּאָליטיק אינגאַנצען. זי איז דאָך געווען נאָר דאָקטאָר, נאָר דאָקטאָר.

מיין אינפאָרמירער האָט געשוויגען. און וואָס, אין אמת'ן, האָט ער געקאָנט מיר נאָך עפּעס מער זאָגען? צי האָט ער דען ניט געפילט אַז אַלץ וואָס איך פרעג — פרעג איך נאָר פון צעמישעניש?

— איז זי לאַנג געווען אין פאַרשיקונג? — האָב איך לסוף געפרעגט.

— היפּשע עטלעכע יאָר. — — —

— — — — — — — — — — — —

דאָס איז אין קורצען די מעשה. זי איז אויפגעגאַנגען שאַרף אין מיר בשעת, איבערקוקענדיג מיינע אַרכיוו־מאַטעריאַלען, האָט אַ בלענד געטאָן פאַר מיינע אויגען דאָס אַלטע שוין האַלב־אָפּגעריבען בילדל פון חנ'ען. דאָס בילדל איז שוין אַלט אַרום פופצען יאָר. חנ'ס פנים אויפ'ן בילדל איז נאָך יונג און פריש. אַ בילדעל נאָך אין איחומען גענומען אין די יאָרען פון 1905־1906. אַ בילדל פון אַ מיידעל, וואָס וויל פאָרען קיין שווייץ שטודירען מעדיצין. אַ מיידעל וועמען איך באַגלייט אין דער לעצטער נאַכט פון סוכות 1906 צו איר טאַטענ'ס שטיבעל אין איהומען, און דערנאָך לאָז איך זיך גיין אַליין, דורך דער ווייסער נאַכט, צו זיך אַהיים עק שטעטעל, און עס נאָגט אין מיין האַרצען דער טרויער וואָס דער בושל איז אוועקגעפלויגען פון אונזער דעמבענבוים און איך ווייס ניט צי וועל איך אים נאָך ווען עס איז זען.